
פֿאַר אַ מער
יושרדיק שוועדן






## אַ שוועדן ווו אָנשטרענגונג לוינט זיך, פֿאַרברעכן זענען געשטראָפֿט געוואָרן און די געזעלשאַפֿט אַרבעט ווי געהעריק ווען נאָר דו נייטיקסט זיך אין שטיצע .

### ס׳זאָל בלייַבן מער פֿונעם לוין מער צו דער משפּחה און דער פֿרייַצייַט .

די מאָדעראַטן נידערט אַראָפּ די שטייַערן אויף אַרבעט און מאַכט עס רווחדיק צו אַרבעטן .

- מיר האָבן אַראָפּגענידערט די שטייַערן מיט 5000 קרוינען אַ חודש פֿאַר געוויינטלעכע משפּחות מיט קינדער – און מיר ווילן זיי ווידער אַראָפּנידערן פּונקט ווי פֿיל
- פֿאַרשטאַרקטע פּענסיעס פֿאַר די וואָס האָבן געאַרבעט אַ גאַנץ אַרבעטסלעבן
- אַן ענגע פֿאַרזאָרג־ליניע מיט אַ פֿאַרזאָרג־דאַך – סע זאָל זיך לוינען צו אַרבעטן, מע מוז פֿאַרענדיקן דאָס שווינדלערייַ און די פֿאַרשווענדונג

### פֿאַרברעכערס זאָלן זיצן אין תּפֿיסה כּדי צו פֿאַרזיכערן אַז דו וועסט זייַן זיכער אויף די גאַסן.

מיר שטיצן די קרבנות פֿון פֿאַרברעכן, פֿאַרענדיקן די גוואַלד פֿון קרימינעלע באַנדעס און מאַכן בטל די קרימינעלע עקאָנאָמיע.

- די טויטלעכע שיסערייַען זענען האַלבירט געוואָרן און איצט דעפּאָרטירן מיר די ניט שוועדישע מיטגלידער פֿון קרימינעלע באַנדעס
- מער פּאָליציאַנטן און געשלאָסענע טעלעוויזיע – האַרטערע שטראָפֿן און אַ פֿאַרענדיקטער שטראָף־ראַבאַט.
- מע מוז אַרבעטן קעגן גוואַלד קעגן פֿרויען מיטן זעלביקן כּוח ווי קעגן דעם גוואַלד פֿון באַנדעס



# יעדע פֿאַרשווענדטע שטײַער־קרוין הייסט ווייניקער אינוועסטיציעס אין געזונט־אָפּהיט, שולע און זיכערקייט ·

## אַ געזונט־אָפּהיט וואָס מע האָט צוטרוי צו אים. ניט וואָס מע וואַרט אויף אים.

דו זאָלסט קריגן די באַהאַנדלונגען וואָס דו דאַרפֿסט, ווען דו דאַרפֿסט זיי. דאָס איז אַ טייל פֿונעם גרעזעלשאַפֿטלעכן אָפּמאַך.

- יעדעס יאָר, האָבן מיר פֿאַרהעכערט די רעסורסן צום פֿאַרזאָרג־סיסטעם – און מיר ווילן דאָס ווײַטער טאָן
- אַ שולדיקייט פֿאַר אָפּהיט־געבערס צוריקצואָלן געלט ווען זיי ברעכן די אָפּהיט־גאַראַנטיע
- באַהאַנדלונג אין 30 טעג אַרום אָדער ווייניקער – און באַהאַנדלונג אויף אַ צווייטן אָרט ווען דער ריי איז צו לאַנג
- שפּראַך־פֿאָדערונג אינעם עלטערן־אָפּהיט ביליקער ציין־דאָקטערײַ פֿאַר פּענסיאָנערן

## אַ שטאַרקע עקאָנאָמיע. מער שטעלעס.

נאָר אַ שטאַרקע עקאָנאָמיע קען טראָגן די צוקונפֿטיקע פֿאַרזאָרג־סיסטעם.

- שוועדן זאָל האָבן דעם העכסטן לעבן־סטאַנדאַרד פֿון דעם אײ״פֿ במשך 10 יאָר
- מער שטעלעס אין מער פֿירמעס – נידעריקע שטײַערן און גרינגערע כּללים
- אָרדענונג אין דער עקאָנאָמיע – שטאַרקע מלוכישע פֿינאַנצן און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר שטײַער־געלט
- גרויסע אינוועסטיציעס אין דער פֿאַרטיידיקונג, קערנדיקער קראַפֿט, אינפֿראַסטרוקטור, שולע און אָפּהיט־סיסטעמען

פֿאַר ווײַטערדיקער אינפֿאָרמאַציע וועגן אונדזער פּאָליטיק, זע
moderaterna.se

# מיר האָבן אַ סך אויפֿגעטאָן

## – און ס׳בלײַבט נאָך מער אויפֿצוטאָן

דער געזעלשאַפֿטלעכער אָפּמאַך איז די שטאַרקייט פֿון שוועדן. דאָס הייסט אַז דו וואָס פֿירסט זיך ווי געהעריק ווייסט אַז די געזעלשאַפֿט איז דאָ פֿאַר דיר ווען נאָר דו נייטיקסט זיך אין איר. אָבער ס׳זענען דאָ ריסן אינעם געזעלשאַפֿטלעכן אָפּמאַך. דאָס איז קלאָר ווען מען לייגט אַרײַן כּוח אויף דער אַרבעט און קוים מיטלען זיך, ווען קרימינעלע לײַט לעבן אויפֿן חשבון פֿון די אַנדערע און ווען די וואָס האָבן געאַרבעט אַ גאַנץ לעבן מוזן וואַרטן חדשים לאַנג אויף אַן אָפּעראַציע. דאָס איז ניט יושרדיק. און מיר האָבן באַגיין זיך מיט אָט דעם.

### שוועדן איז אויפֿן ריכטיקן וועג – דו קענסט דאָס דערזען אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן

**זינט די מאָדעראַטן האָבן פֿאָרמירט אַ רעגירונג:**

- נידעריקערע שטײַערן – אַ משפּחה מיט קינדער האַלטן 5000 קרוינען מער אַ חודש
- פּענסיאָנירטע פּאָרפֿעלקער האַלטן 2200 קרוינען מער אַ חודש
- דעפּאָרטירונג פֿון ניט שוועדישע מיטגלידער פֿון קרימינעלע באַנדעס
- די טויטלעכע שיסערײַען זענען האַלבירט געוואָרן און אַ רעקאָרדצאָל פּאָליציאַנטן אויף די גאַסן
- (ISK) נידעריקערע שטײַערן אויף עלעקטריע, ברענוואַרג און אינוועסטיר־שפּאָרקאָנטעס
- (S די געזונט־רייען זענען 30% קירצער געוואָרן (אַחוץ אין שטאָקהאָלם וואָס איז אָנגעפֿירט פֿון
- שפּראַך־פֿאָדערונג איז אײַנגעפֿירט געוואָרן אינעם עלטערן־אָפּהיט
- שוועדן איז אַ פֿולווערטיקער מיטגליד פֿון נאַטאָ געוואָרן

### מיר זענען ניט פֿאַרטיק

דער ציל פֿון די מאָדעראַטן איז אַז שוועדן זאָל האָבן דעם העכסטן לעבן־סטאַנדאַרד פֿון דעם אײ״פֿ במשך 10 יאָר – אַ לאַנד ווּ אָנשטרענגונג לוינט זיך נאָך מער, ווּ די גוואַלד פֿון קרימינעלע באַנדעס איז ניטאָ און ווּ דער געזונט־אָפּהיט און די שולעס אַרבעטן פֿאַר אַלע.

צי ווילסטו אַז שוועדן גייט ווײַטער פֿאָרויס?

**שטים אויף די מאָדעראַטן דעם 13טן סעפּטעמבער.**

> אָנשטרענגונג זאָל זיך לוינען.
> פֿאַרברעכן זאָל גורם זײַן אין שטראָף.

אולף קריסטערסאָן, פּרעמיער און אָנפֿירער פֿון די מאָדעראַטן

**צי ווילסטו זיך אַנגאַזשירן פֿאַר אַ מער יושרדיק שוועדן ?**
ווער אַ מיטגליד הײַנט פֿאַר 100 קרוינען. סקאַניר דעםQR־קאָד
אָדער זע: moderaterna.se/medlem